זאלן נישט געמאכט ווערן ביז די אינשורענס פירמעס פירן דורך אינספעקשענס אויף די פארלוסטן. אלע געשעדיגטע פערזענליכע חפצים זאלן געהאלטן ווערן ביז איר קומט אן צו אן אינשורענס סעטלמענט.

**אויב איר ציהט זיך אריבער, האלט אייערע רעסיטס.** אויב איר דארפט זיך ארויסציהען בשעת אייער היים ווערט פאררארכטן, זאלט איר האלטן רעקארדס פון אייערע אויסגאבן. היים אייגנטומער און טענאנט אינשורענס פאליסיס דעקן געווענטליך די קאסטן פון צוגעקומענע וואוינונג אויסגאבן אויב אייער היים איז געשעדיגט דורך א געדעקטע קאטאסטראפע.

**קאטאסטראפע הילף.** ווען א פרעזידענטליכע קאטאסטראפע דעקלעראציע פאר אינדיווידואלע הילף ווערט ארויסגעגעבן, קען FEMA קאטאסטראפע הילף ווערן אוועליעבל צו מענטשן און ביזנעסער מיט אדער אן אינשורענס ווען סעטלמענטס פון די אינשורענס פירמעס קומען מעגליך נישט נאך די קאטאסטראפע-פארבינדענע געברויכן. באריכט שאדן צו לאקאלע בעאמטע טוט אייך נישט באריכטיגן פאר FEMA הילף. **איר מוזט זיך פארבינדן דירעקט צו FEMA זיך איינצושרייבן פאר FEMA הילף.**

FEMA'ס קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע ( Small Business Administration, SBA) שטעלט אויך צו קאטאסטראפע הלוואות מיט נידעריגע רבית פאר היים אייגנטימער, טענאנטס, ביזנעסער און פאר געוויסע צדקה ארגאניזאציעס.

## רעסארסן און פארבינדונג אינפארמאציע

### אריינגעבן קלאגעס צו DFS

אויב איר זענט א געליטענער פון א קאטאסטראפע און איר האט שוועריקייטן מיט אן אינשורענס פירמע אדער מיט א פינאנציעלע אינסטיטוציע, אדער אויב איר גלויבט אז איר מען באהאנדלט זיך מיט אייך אומ'יושר'דיג, נעמט אין באטראכט צו אריינגעבן א קלאגע צו די DFS. אונזערע מומחים קענען אייך ענטפערן פראגן און אפנעמען באריכטן איבער שווינדלערייען.

גיבט אריין א קלאגע: **www.dfs.ny.gov**

DFS קאנסומער האָטליין אויף **800-342-3736**

### FEMA

וועבזייטל: www.disasterassistance.gov

טעלעפאן: 800-621-3362

### נאציאנאלע פארפלייצונג אינשורענס פראגראם (NFIP)

טעלעפאן: 800-427-4661

וועבזייטל: www.floodsmart.gov

### קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע (SBA)

טעלעפאן: 800-659-2955

וועבזייטל: www.sba.gov

# שטורעם ערהוילונג רעסארסן

## א רעסארס פאר געליטענע פון שטורעמס און פארפלייצונגען

*www.dfs.ny.gov*
(800) 342-3736

די אנווייזונגען זענען בלויז אייך צו אינפארמירן און זענען נישט קיין לעגאלע ראט.

## איבער די DFS

די דעפּאַרטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Social Services, DFS) איז משגיח אויף אלע פון די נאענט צו 1,800 אינשורענס פירמעס און נאענט צו 1,400 בענק, טשעק קעשער, געלט אריבערפירער און אנדערע פינאנציעלע אינסטיטוציעס וועלכע אפערירן אין ניו יארק. די DFS פארשט אויך אויס און קלאגט אן אינשורענס און פינאנציעלע שווינדל, ארבעטנדיג מיט געזעץ אויטאריטעטן און מיט רעגולאציע אגענטורן אויף די פעדעראלע, סטעיט, קאונטי און לאקאלע שטאפלען.

אונזער מיסיע רעבנט אריין צו זיכער מאכן פארזיכטיגע אויפפירונג דורך פירמעס וואס שטעלן צו פינאנציעלע פראדוקטן און סערוויסעס; זיכער מאכן אז די פירמעס קומען נאך זייערע פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייטן יושר'דיג, צייטליך און אומפארטייאיש; ערמוטיגן א הויכע סטאנדארט פון עהרליכקייט, דורכזיכטיגקייט, יושר'דיגע ביזנעס אויפפירונגען און אחריות צו די פובליק; עלימינירן פינאנציעלע שווינדל, אנדערע קרימינאלע אביוז און אומעטישע אויפפירונג אין די אינדוסטריע; און צו אויפקלערן און באשיצן באנוצער פון פינאנציעלע פראדוקטן און סערוויסעס.

## הילף מיט אינשורענס

אויב האט איר פראגן איבער אן אינשורענס פאליסי אדער דעקונג, לייענט פארזיכטיג דורך אייערע דאקומענטן און פארבינדט אייך צום ערשט מיט אייער אינשורענס פירמע, מעקלער אדער אגענט.

אויב האט איר נאכאלץ פראגן, איר דארפט הילף אדער זענט א געליטענער פון א קאטאסטראפע, קען די DFS ענטפערן פראגן וואס איר האט איבער אגענטן, מעקלער, עדזשאָסטער און אנדערע וועלכע זענען פארמישט אין די אינשורענס ביזנעס.

די DFS קען אויך ענטפערן פראגן איבער די פראצעדור פון אריינגעבן א קלעים (אריינרעכענענדיג איבער דידאָקטעבעלס פון האריקאנען און שאדן פון ווינט), קענסעלן א פּאליסי און נישט באנייען איינס, און אזוי אויך דעקונג פאר נאך לעבנס אויסגאבן (פאר וועלכע איר קענט מעגליך זיין בארעכטיגט אויב איר האט געדארפט פארלאזן אייער היים נאך א קאטאסטראפע). אויב אייער ביזנעס איז געשעדיגט געווארן דורך א קאטאסטראפע, קענען מיר ענטפערן פראגן איבער אינשורענס דעקונג, אריינרעכענענדיג אינשורענס אויף א שטער צו די ביזנעס און דעקונג פאר א שטער צו סערוויסעס וועלכע ווערן געגעבן אינדרויסן פון די ביזנעספלאץ.

## הילף מיט בענק און מיט פארבארגער

אויב איר קענט נישט צאלן בילס צייטליך צוליב פינאנציעלע שוועריגקייטן פארבינדן מיט א קאטאסטראפע, נעמט אין באטראכט זיך צו פארבינדן מיט אייערע פארבארגער (קרעדיטארס) זיי צו דערציילן אייער צושטאנד. בעהט פון זיי צו אויסארבעטן מיט אייך א פלאן כדי איר זאלט נישט באשטראפט ווערן פאר פארפעהלטע באצאלונגען אין די צייט ווען איר ערהוילט זיך.

די DFS ארבעט מיט בענק און מיט פארבארגער צו עלימינירן אויפגעריסענע שטייערן, פארמיידן פארקלאָזשארס און זיי צו ערמוטיגן נישט צו איינמאנען הלוואות אדער מארטגעדזשעס פון די וועלכע האבן געליטן פון קאטאסטראפעס. מיר ארבעטן אויך צו העלפן פארשנעלערן די אנערקענונג פון אינשורענס קלעים טשעקס דורך די בענק פאר היים אייגנטימער וועלכע זענען אין דרינגנדע נויט פון קאטאסטראפע-פארבינדענע פאררעכטונגען. אויב איר קענט נישט שליסן א הלוואה אדער א מארטגעדזש צוליב שווערע וועטער, קענען מיר אייך העלפן צו אויסמיידן אומגעוואונטשענע קאנסעקווענצן, צום ביישפיל שטייערן פארן פארשפעטיגן מיט ענדערונגען אין די טערמינען פון דאס שליסן.

## קאטאסטראפע און פינאנציעלע שווינדלערייען

שווינדלער באווייזן זיך צומאל נאך א קאטאסטראפע. צום ביישפיל, כלאמפישע "געליטענע" גיבן אריין פאלשע קלעימס; קרימינאלן וואס שטעלן זיך פאר אלץ קאנטראקטארס גנב'נען פערזענליכע פינאנציעלע אינפארמאציע כדי צו גנב'נען אייער אידענטיטעט.

אויב איר זענט האט א פארדאכט פון פינאנציעלע שווינדל אדער אויב איר גלויבט אז איר זענט געפאלן א קורבן פון א שווינדל וואס האט צו טוהן מיט אינשורענס, א באנק אדער אן אנדערע פינאנציעלע אינסטיטוציע, פארבינדט אייך ביטע באלד מיט די DFS.

## פארמעגנס פארלוסט צוליב שטורעם אדער קאטאסטראפע

**גיבט אריין קלעימס שנעלערהייט.** גיבט אריין די קלעימס ווי שנעלער מעגליך נאך די פארלוסטן געשעהן.

**שטעלט צו אלע דאקומענטן.** פרעגט אייער אינשורענס פירמע פונקטליך וועלכע דאקומענטן, בויגנס און ציפערן זיי וועלן דארפן אז איר זאלט איבערגעבן.

**פארפלייצונג שאדן קלעימס.** פארפלייצונג שאדן איז געוועגטליך געדעקט דורך פארפלייצונג אינשורענס וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די נאציאנאלע פארפלייצונג אינשורענס פראגראם (National Flood Insurance Program, NFIP). אויב האט איר פארפלייצונג אינשורענס און איר האט פארפלייצונג שאדן, זאלט איר אריינגעבן קלעימס צו די אינשורענס פירמע וואס האט אייך פארקויפט די פּאליסי. אויב האט איר געקויפט א פּאליסי דירעקט פון די NFIP, זאלט איר זיך דירעקט פארבינדן מיט די NFIP.

**האלט ביי זיך דעטאלירטע רעקארדס.** האלט א רעקארד פון אלע אויסטוישן מיט אייער אינשורענס פירמע; אריינרעכענענדיג די נאמען פון דער אגענט און די צייט און דאטום פון אלע טעלעפאן רופן.

**פאלגט נאך.** נאך א שמועס פנים אל פנים אדער דורכן טעלעפאן מיט אייער אינשורענס פירמע אדער אגענט, פאלגט נאך מיטן שרייבן צו זיי וואס איר האט ארויסגענומען פון די שמועס. נאך א באזוך פון אן עדזשאָסטאר, פאלגט נאך מיטן שרייבן צו זיי וואס איר האט פארשטאנען פון דעם עדזשאָסטאר'ס באזוך.

**דאקומענט פארלוסטן.** נעמט בילדער און/אדער ווידעאוס ווייזנדיג די גרויסקייט פון די שאדן און פארלוסטן בעפארן אויפרייניגן סיי וואס.

**מאכט א ליסטע.** גיבט פאר אייער אינשורענס פירמע א דעטאלירטע צימער-ביי-צימער ליסטע פון געשעדיגטע פערזענליכע חפצים און פארמעגנס. לייגט צו רעסיטס, קרעדיט קארטל סטעיטמענטס און סיי וועלכע אנדערע דאקומענטן וועלכע ווייזן די ווערט פון די חפצים.

**עמערדזשענסי פאררעכטונגען.** פּראפּערטי אייגנטימער זענען פאראנטווארטליך צו באשיצן זייער פּראפּערטי פון ווייטערדיגע שאדן נאך א פארלוסט, אבער עס זאלן נאר געמאכט ווערן אזעלכע פאררעכטונגען וועלכע זענען נויטיג צו פארמיידן ווייטערדיגע שאדן צו פּראפּערטי, אזוי ווי פארדעקן צובראכענע פענסטער. לייגט אוועק אלע אייערע רעסיטס.

**פערמאנענטע פאררעכטונגען.** פערמאנענטע פאררעכטונגען